# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות, און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די באַרימטע ליל שישי שיעורים



לך לך
תשפ"ה
גליון ג"ג

## שאלה

### וויאזוי שאצט מען די גרויסקייט פונעם חפץ חיים אין פארגלייך צו די אבות הקדושים?

## ענטפער:

מיין קליינער שכל קען שווער מאכן א ריכטיגע פארגלייכונג, אבער איך וועל פרובירן. אז מען וועט נעמען א 'בעיסבאל' און עס פארגלייכן צו די גרויסקייט פון די זון, דאס איז עס! אברהם אבינו איז די זון און דער חפץ חיים איז די בעיסבאל – זייער א גוטע בעיסבאל.

יעצט, אז מיר זאלן זיך אליינס וועלן אפשאצן אין פארגלייך צום חפץ חיים, איז עס ווי אן אטאם אין פארגלייך צו א בעיסבאל, ווייל דער חפץ חיים איז געווען גאר א גרויסער מענטש. אבער דער חפץ חיים אין פארגלייך צו אברהם אבינו איז בלויז ווי א בעיסבאל אין פארגלייך צו די זון. עס איז נאר ווייל מיר האבן קיינמאל נישט גענוג אפגעלערנט די גרויסקייט פון דעם מענטש אברהם מיינען מיר אז עס איז א גוזמא.

"קיים אברהם אבינו את כל התורה כולה עד שלא נתנה" – אברהם אבינו האט איינגעהאלטן די גאנצע תורה אפילו בעפאר עס איז געגעבן געווארן. קוקט, אברהם אבינו האט געהאט די דינים פון שבועה, די הלכות פון שווערן. נאך בעפאר די תורה איז געגעבן געווארן האט ער געהיטן די דינים פון שבועה. עס זענען געווען דינים פון נדרים, **"וידור יעקב נדר"**. די משפחה האט שוין געהאט נדרים. יעקב אבינו האט געגעבן מעשר, אברהם אבינו האט געגעבן מעשר, **"ויתן לו מעשר מכל"** – ער האט געגעבן מעשר פאר מלכי צדק, מעשר! **אברהם האט אליינס מחדש געווען די אלע דינים**. אברהם האט פראקטיצירט פילע הלכות וואס זענען היינט אין די גמרא. ווען די משפחה פון יעקב האט גענומען פון די רויב פון שכם, און זיי האבן אויך גענומען געטשקעס, האט יעקב זיי געהייסן זיך טובל'ען און אויך טובל'ען זייערע קליידער, צוליב טומאת עבודה זרה. דאס איז ניטאמאל קיין איסור דאורייתא! טומאת עבודה זרה איז בלויז אן איסור דרבנן. אפילו דיני דרבנן האבן זיי איינגעהאלטן!

אט דאס אלעס איז געקומען פון אברהם אבינו'ס מח עצום. אברהם האט מחדש געווען אזויפיל זאכן וואס זענען אין די תורה אז עס איז **אויסטערליש** וויאזוי ער האט דאס געקענט באווייזן. און דער ענטפער איז אז ער האט געהאט א געוואלדיגער מח; **ער איז געווען דער מערסט-בריליאנטענער, ארגינעלער חוקר וואס די וועלט האט נאך אמאל געזען.**

משה רבינו איז נישט געווען אזא **מחדש** ווי אברהם אבינו. וועגן דעם אין פרקי אבות ווערן אלע מענטשן אנגערופן "תלמידיו של אברהם אבינו". אפילו משה רבינו ווערט גערופן א תלמיד פון אברהם אבינו. מיר האבן נישט קיין **מושג** ווי גרויס דער מענטש איז געווען. נישט בלויז איז ער געווען גרויס אין **אליינס אנטדעקן דעם אמת**, נאר איינמאל ער איז געקומען צו דער הכרה האט ער **מיט עקשנות זיך געהאלטן דערצו** און ער האט זיך געשלאגן קעגן זיין גאנצע סביבה; ער האט זיך געשלאגן קעגן זיין טאטע און מאמע, זיינע קרובים, קעגן יעדעם! ער האט זיך געשלאגן קעגן זיינע אלע ארומיגע און ער האט זיך נישט געוואלט בייגן. "איך ווייס אז דאס איז ריכטיג! און עס גייט מיר נישט אן!" און אפילו דאס האט געמיינט אוועקגעבן זיין לעבן – עס האט אים שיער געקאסט זיין לעבן צוליב זיין עקשנות.

און דערפאר האט אט דער גרויסער מענטש איבערגעשטיגן יעדן אנדערן גרויסער מענטש אין אונזער היסטאריע. משה רבינו איז דער איינציגסטער וואס איז אים איבערגעשטיגן. ווייל משה רבינו איז געווען אן אנדערע מעשה. משה האט באקומען **א מתנה פון השי"ת פאר'ן ציל אויסצופירן א ספעציעלע מיסיע** - כדי כלל ישראל זאל מקבל זיין די תורה פון זיינע הענט. וועגן דעם איז משה א ספעציעלע בריאה. אבער אלס ארגינעלקייט – א מענטש וואס איז מיט זיינע אייגענע כוחות, מיט זיינע אייגענע פעאיגקייטן און טאלאנטן אויסגעשטיגן אזוי גרויס, איז נישט דא קיינער ווי אברהם און שרה. מיר דארפן דאס פארשטיין. וועגן דעם זענען די צוויי די גרינדער פון אונזער פאלק. (טעיפ #640)

## שאלה

### עס איז דא געזאגט געווארן אז מענטשן דארפן זיך מאכן צייט צו טראכטן. איז נישט בעסער פאר מענטשן צו זיין פארנומען, כדי זיי זאלן פארמיידן גייסטישע קרענק?

## ענטפער:

מענטשן דארפן עסן, און מענטשן דארפן ארבעטן, אבער צומאל איז א מענטש אזוי קראנק אז ער טאר **נישט עסן**, מען דארף אים געבן אינטערווינעס. און צומאל איז ער אזוי קראנק אז מען לאזט אים **נישט ארבעטן**. אבער דאס איז אומנארמאל, ס'איז בלויז פאר קראנקע מענטשן. יא, אסאך מאל זאגן מיר פאר מענטשן נישט צו טראכטן, און דאס איז זייער טעראפי. טעראפי מיינט – טו עפעס כדי דו זאלסט נישט האבן קיין צייט צו טראכטן.

דער מח איז געמאכט זיך צו באשעפטיגן מיט **דרויסנדיגע** זאכן, אבער ווען דער מח איז פארנומען מיט זיך אליינס – איז עס ווי די צייין. ציין זענען געמאכט געווארן צו קייען עסנווארג, אבער ווען א מענטש נוצט זיינע ציין צו צעקייען זיין אייגענע צינג און באקן... נוצט ער עס נישט ריכטיג. ווען מענטשן נוצן זייער מח צו בייסן זייער **אייגענע מח**, דאן וועלן מיר אים זאגן – הייב אן צו מאכן קארפעטס; ווער פארנומען צו קריכן אויף בערג; טו עפעס אראפצונעמען דיין מחשבה פון דיין מחשבה; טראכט נישט!

אבער ווען מענטשן זענען געזונט, איז טראכטן זייער א גוטע רעצעפט. עס איז א געוואלדיגע זאך צו האבן שבת, צו האבן **א טאג פריי צו טראכטן**.

דערפאר ווענד זיך פאר ווער. אסאך מאל דארף מען זאגן נישט צו טראכטן, זיך צו ראטעווען, אבער פאר רוב מענטשן זאגן מיר – **טראכט!** אודאי, מען דארף טראכטן ריכטיג. אויב מען האט צייט צו טראכטן און מען טראכט וועגן אלע סארט נארישקייט און יצר הרע זאכן, קומט זיכער נישט ארויס קיין טובה דערפון.

אבער אויב מען טראכט די ריכטיגע געדאנקען, דאן נוצט מען אויס דעם ציל פארוואס פרייע צייט איז געגעבן געווארן.

## שאלה

### איז דא עפעס א פראבלעם צו קוקן אויף די לבנה?

## ענטפער:

אמאליגע צייטן איז עס באטראכט געווארן אלס א פראבלעם, ווייל אין יענע צייטן זענען געווען מענטשן וואס האבן געדינט צו די לבנה. אבער היינט, ווען מען קוקט אויף די לבנה, ווענד זיך פארוואס מען קוקט. אויב איז עס סתם צו בטל'ען צייט, ענדערש קוק אריין אין א ספר. פארוואס בטל'סטו צייט מיט די לבנה? אבער אויב דו קוקסט אויף די לבנה כדי צו זען די חסדי השם, דאן טוסטו א גוטע זאך. **אלעס ווענד זיך אין די כונה.**

ווען א מענטש זאגט קידוש לבנה, איז די גמרא זאגט אז עס ווערט פארעכנט "כמקבל פני השכינה" – אזוי ווי ער באגריסט די שכינה. עס איז אן מערקווירדיגער אויסדרוק – עס איז ווי מען ענטפאנגט דעם איבערשטן. וויאזוי קען מען זאגן אזא זאך?

דער ענטפער איז אז ווען מען פארשטייט די חסדי השם וואס די לבנה שטעלט פאר, דאן באקומט מען א נייע **השגה**, א נייע מדריגה פון פארשטאנד, א שטערקערע **הרגשה חושית** אז מען שטייט אין די אנוועזנהייט פון השי"ת. דאס זאגט אונז די גמרא. עס זאגט אונז אז קוקן אויף די לבנה לערנט אונז וועגן דעם באשעפער און עס וועט אונז מאכן מער באוואוסטזיניג אין השי"ת – דורכ'ן טראכטן וועגן די וואונדער פון די לבנה.

יעצט, די לבנה איז אייגנטליך סתם א פלאנעט. עס וואלט געקענט זיין א ווייטער פלאנעט. פארוואס איז עס נאנט צו אונז? דער ענטפער איז אז די נאנטקייט פון די לבנה האט זייער אסאך בענעפיטן פאר'ן ערד-קוגל. צ' ווייסט איר אז די לבנה קאנטראלירט די וואסער-הייעך. עס איז זייער וויכטיג פאר אונז. און עס קאנטראלירט אסאך פונקציעס פון די ערד-קוגל. חוץ דעם איז עס אויך א נאכט-לאמפ – ס'איז נישט צו שטארק, און עס ערלויבט אונז צו שלאפן, אבער ס'איז פונקט גענוג אונז ארויסצוהעלפן אויב דארף מען ארויסגיין אין די גאס צו גיין אין בית המדרש. אויך געניסן מיר פון די שיינקייט פון די לבנה: "ברה כחמה, יפה כלבנה" – **ס'איז הערליך!** אויב דו קוקסט אויף די לבנה און דו דאנקסט הקב"ה פאר די לבנה, מאכט עס דיר מער באוואוסטזיניג אינעם איבערשטן. און וועגן דעם איז עס "כמקבל פני השכינה". (טעיפ 914#)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל










$1 א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8Ozcjl4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**